**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/28/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט אנהייב פון עלעקטרישע און גאז יוטיליטי ביל קרעדיטס פאר נידעריגע-איינקונפט פאמיליעס

### *567 מיליאן דאלער גרייט געמאכט צו העלפן נידעריגע-איינקונפט קאסטומערס אפצוצאלן פארשפעטיגטע יוטיליטי ביל חובות*

### *איבער 327,000 נידעריגע-איינקונפט ניו יארקער הויזגעזינדער דירעקט צו געניסן*

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגעמאלדן אז דער איבערוויגנדער מערהייט פון 567 מיליאן דאלער געווידמעט אויף צו העלפן נידעריגע-איינקונפט עלעקטרישע און גאז יוטיליטי קאסטומערס אפצאלן פארשפעטיגטע יוטיליטי ביל חובות וועט זיך אנזען אין די קאסטומערס אויגוסט בילס. דער פינאנציעלער הילף פראגראם רעכנט אריין אן אפגעשאצטע 557 מיליאן דאלערדיגע קאָוויד-19 ביל קרעדיט פראגראם איבער'ן סטעיט פאר נידעריגע-איינקונפט קאסטומערס איינגעפירט דורך דער ניו יארק סטעיט פובליק סערוויס קאמיסיע. אונטער דעם ביל קרעדיט פראגראם, ניצט אויס דער PSC 250 מיליאן דאלער פון דעם פינאנץ-יאר 2023 דורכגעפירטער סטעיט בודזשעט צו פאדערן פון יוטיליטי פירמעס צוצושטעלן אן איינמאליגע קרעדיט צו קאסטומערס איינגעשריבן אין די 'ענערגיע-צוגענגליכקייט פראגראם' וואס וועט אפשאפן אומבאצאלטע יוטיליטי ביל חובות וואס האבן זיך אנגעזאמלט ביז מאי 1, 2022. דער פראגראם גיבט אויך ערלויבעניש פאר די זעלבע פארלייכטערונג פאר סיי וועלכע פאסיגע נידעריגע-איינקונפט קאסטומערס וועלכע שרייבן זיך איין אין EAP ביז דעצעמבער 31, 2022.

״עס פריידט מיך אויסצומעלדן אז דער גרעסטער נידעריגע-איינקונפט יוטיליטי פינאנציעלע הילף פראגראם אין די געשיכטע פונ'ם סטעיט הייבט זיך אן מאנטאג, אוגוסט 1 — אפצייכענענדיג א גרויסן טריט פאראויס אין דער סטעיט'ס אנגייענדע באמיאונגען צו העלפן ניו יארקער אויסהאלטן יוטיליטי סערוויסעס,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״קיין שום ניו יארקער זאל נישט דארפן האבן זייערע לעקטער אדער עיר קאנדישען אויסגעלאשן צוליב פינאנציעלע פראבלעמען פאראורזאכט דורך דער פאנדעמיע. איך אפלאדיר דער סטעיט לעגיסלאטור פאר זייער צוזאמארבעט צו באשטימען 250 מיליאן דאלער צו רעדוצירן די עול פון יוטיליטי חובות, וועלכס וועט זיין קריטיש אויף צו העלפן באדערפטיגע ניו יארקער צו קענען אנהאלטן זייערע יוטיליטי סערוויסעס, ספעציעל במשך די הייסע זומערדיגע חדשים.״

לויט די אנווייזונג פון גאווערנער האוקול, האט דער דעפארטמענט פון פובליק סערוויס, דער שטאב ארעם פון דעם PSC, געארבעט מיט די סטעיט'ס גרויסע יוטיליטי פירמעס צו געבן קרעדיט פאר קאסטומער אקאונטס. די קאָוויד-19 פאנדעמיע האט גורם געווען באדייטנדע פינאנציעלע שוועריגקייטן פאר ניו יארקער, איבערהויפט פאר נידעריגע-איינקונפט קאָנסומערס. זינט מערץ 2020, איז דער צאל קאסטומערס איבער 60 טעג הינטערשטעליג אין זייערע עלעקטרישע און גאז יוטיליטי באצאלונגען (ד.ה. שולדיגע חובות) און די סך הכל סומע פון חובות געשטיגן צו פרעצעדענטלאזע שטאפלען. נידעריגע-איינקונפט קאסטומער קרעדיטס זענען ערווארטעט ארויפגעשטעלט צו ווערן צו קאסטומער

אקאונטס אנגעהויבן אוגוסט 1, 2022 און קאָנסומערס קענען זיך רישען צו זען דעם קרעדיט אויף זייער קומענדע בילינג רונדע. קרעדיטס וועלן באקומען ווערן דורך דער ברייטער מערהייט פון נידעריגע-איינקונפט קאסטומערס פון די גרויסע עלעקטרישע און גאז קאמפאניס אויף זייערע אוגוסט בילס.

די קאָוויד-19 פאנדעמיע האט פאראורזאכט פינאנציעלע שוועריגקייטן צו נידעריגע-איינקונפט קאסטומערס און רעזולטירט אין דאס פארשליסן ביזנעסער און ווייט-פארשפרייטע דזשאָבס פארלוסט. די צאל קאסטומערס וועלכע האבן אומבאצאלטע יוטיליטי ביל חובות און די סהייכ סומע דאלארען פון אומבאצאלטע יוטיליטי בילס איז באדייטנד געשטיגן זינט אנהייב פאנדעמיע אין מערץ 2020, און דער ביל קרעדיט פראגראם באזארגט פינאנציעלע פארלייכטערונג צו די מערסט עמפינדליכע פריוואטע וואוינונג קאסטומערס אויף זיי צו העלפן אויסמיידן דאס האבן זייער יוטיליטי סערוויסעס אפגעשפארט פאר'ן נישט באצאלן. איבער 327,000 נידעריגע-איינקונפט ניו יארקער הויזגעזינדער וועלן דירעקט געניסן פון דעם פראגראם.

אונטער דעם ביל קרעדיט פראגראם, וועט אלע סטעיט הילף צוגעשטעלט פאר יוטיליטי ביל הילף קאארדינירט ווערן צו פארזיכערן די מאקסימום בענעפיטן צו ראטע-צאלער און פארמיידן דאפלטע באמיאונגען. דאס רעכנט אריין פארלייכטערונג גרייט געמאכט פאר נידעריגע-איינקונפט קאסטומערס פון דעם סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַבילטי הילף'ס עמערדזשענסי רענט הילף פראגראם צו רעדוצירן אומבאצאלטע יוטיליטי בילס, אפגעשאצט אויף 100 מיליאן דאלער, צוזאמגעפאַרט מיט 250 מיליאן דאלער פון דער ניו יארק סטעיט בודזשעט באשטימונג פאראָרדענט יוטיליטי פירמעס צו אפשאפן פאנדעמיע-פארבינדענע אומבאצאלטע יוטיליטי בילס פאר נידעריגע-איינקונפט הויזגעזינדער. יוטיליטי פירמע שעירהאָלדערס האבן צוגעשטעלט איבער 36 מיליאן דאלער אין ביישטייערונגען פאר'ן טובה פון ראטע-צאלער. דער ביל קרעדיט פראגראם איז אפגעשאצט צו קאסטן די הויפט יוטיליטי ראטע-באצאלער 181 מיליאן דאלער נאכדעם וואס זיי ווערן באשטימט זייער חלק פון דער בודזשעט באשטימונג, און קאסטומער קרעדיטס און שעירהאָלדער ביישטייערונגען וועלכע רעדוצירן די קאסטן פון דעם פראגראם ווערן צו דעם אנגעוואנדן.

דער איינמאליגער, נידעריגע-איינקונפט יוטיליטי ביל קרעדיט, וועלכס וועט ווערן אנגעוואנדן צו אפעקטירטע קאסטומערס בילס דורך די יוטיליטי פירמעס, פארלאנגט נישט קיין שום שריט דורך עקזיסטירנדע נידעריגע-איינקונפט קאסטומערס איינגעשריבן אין דעם EAP אויף צו באקומען דעם בענעפיט. PSEG לאנג איילענד און די מוניציפאלע יוטיליטי פירמעס האבן באשטימט 10.4 מיליאן דאלער פון די 250 מיליאן דאלער באשטימט אין דעם בודזשעט צו ווערן געניצט פאר'ן ביל קרעדיט פראגראם פאר נידעריגע-איינקונפט קאסטומערס. דער PSC רישט זיך אויף א צוקונפטיגע פארשלאג דורך קאָנסומער גרופעס און פארמישטע פארטייען צו אדרעסירן די באדייטנדע אויפשטייג אין אומבאצאלטע עלעקטרישע און גאז יוטיליטי ביל חובות פאר פארבליבענע איינוואוינער און ביזנעס קאסטומערס אלס רעזולטאט פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע.

אלס טייל פון די אלגעמיינע ארבעט צו רעדוצירן אומבאצאלטע עלעקטרישע און גאז יוטיליטי ביל חובות, האט גאווערנער האוקול לעצטנס איינגעפירט א נייע אונטערנעמונג צווישן OTDA און די הויפט יוטיליטי פירמעס צו אידענטיפיצירן מער נידעריגע-איינקונפט הויזגעזינדער זיך איינצושרייבן אין דעם EAP פראגראם, וועלכס באזארגט יוטיליטי ביל הנחות וועלכע שפארן אנטיילנעמענדע הויזגעזינדער הונדערטער דאלארען א יאר אויף יוטיליטי קאסטן.

סיי וועלכע בארעכטיגטע נידעריגע-איינקונפט קאסטומער וועלכע שרייבט זיך איין אין EAP בעפאר דעצעמבער 31, 2022, וועט זיין אריינגערעכנט אין דעם ביל קרעדיט פראגראם.

**פובליק סערוויס קאמיסיע פארזיצער ראַרי עם. קריסטיען האט געזאגט,** ״גאווערנער האוקול איז געשטאנען פעסט אין איר חשק צו העלפן קאָנסומערס. אויף צו אדרעסירן דעם אויפשטייגנדן פראבלעם, האט דער PSC באשטעטיגט מאסנאמען צו פארשטערקערן און פארבעסערן יוטיליטי ענערגיע צוגענגליכקייט פראגראמען צו רעדוצירן קאָנסומער ענערגיע לאסטן און אדרעסירן נידעריגע-איינקונפט קאסטומער געברויכן.״

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף קאמיסיאנער דעניעל דאָבליו. טיעץ האט געזאגט,** ״גאווערנער האוקול האט עס געמאכט א הויפט ציל צו זען אז אנגעשטרענגטע הויזגעזינדער זאלן באקומען די הילף וואס זיי נייטיגן צו אדרעסירן די שוועריגקייטן פאראורזאכט דורך די עקאנאמישע ווירקונגען פון דער פאנדעמיע. מיר שטאלצירן זיך מיטצוארבעטן אויף דער באמיאונג צו העלפן אפצאלן די צוריקגעשטאנענע יוטיליטי חובות פון צענדליגע טויזנטער פון אונזערע נידעריגע-איינקונפט הויזגעזינדער צו האבן צוטריט צו הנחות פון היינט און ווייטער דורך דעם ענערגיע צוגענגליכקייט פראגראם.״

**סטעיט סענאטארקע ראקסענע פערסאוד האט געזאגט,** ״פילע פון ניו יארק׳ס ענערגיע-באלאסטיגטע ראטע-צאלער וועלן אפאטעמען מיט פארלייכטערונג ווען זייערע יוטיליטי אקאונטס וועלן אפשפיגלען די העכסט-ערווארטעטע הילף. עס פריידט מיך אז די 250 מיליאן דאלער וואס מיר האבן ארייגערעכנט אין דעם היי-יעריגן בודזשעט האט געקענט אויסניצן נאך פארלייכטערונג פאר קאָנסומערס וועלכע שטייען אויס אויסלעשונגען און איינמאנונגען.״

**אסעמבלי-מיטגליד לינדע ראזענטאל האט געזאגט,** ״פארלירן באשעפטיגונג במשך דער קאָוויד-19 פאנדעמיע און די נאכפאלגנדע אויפשטייג אין אינפלאציע האט געברענגט פילע פאמיליעס איבער ניו יארק סטעיט זיך צו שפירן פינאנציעל דערדרוקט. אין די היי-יעריגע בודזשעט האבן מיר געשטעלט אלס הויפט ציל דאס אויסטיילן הונדערטער מיליאנען אין פינאנצירונג צו העלפן פאמיליעס אפצאלן צוריקגעשטאנענע יוטיליטי חובות און זיך צוריקשטעלן אויף זייערע פיס. די באצאלונגען וועלן באלד ארויסגיין פון טיר און עס פריידט מיך אז פאמיליעס וועלן ענדליך אנהייבן צו שפירן א געוויסע מאס פארלייכטערונג אין די קומענדע וואכן. מיר דעם פראגראם וועלן איבער 327,000 נידעריגע-איינקונפט הויזגעזינדער זען זייערע יוטיליטי חובות רעדוצירט אדער אינגאנצן אפגעשאפן, הייבנדיג א ריזיגע פינאנציעלע עול.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן